פון די יומטובדיקע מאכלים, כאָטש ביי זיין טאָטן ע״ה האָט מען געפּלעגט מחמיר זיין, ביז צום סדר נישט פאַרזוכן קיין שטיקל מצה, נאָר אָפּקומען דעם גאַנצן טאָג מיט שה״י פה״י, איז שבתי געווען אַ שטיקל מקיל: די קינדער, וואָס גייען שוין אַרום יעדער אין זיין ביי פּסחדיק גאַרניטורל, משהל, אין אַ גביריש געהאַקט זשיפּיצל, דערלויבט ער צו טועם זיין אַ יויך מיט כרעמזלעך, מאַקאַראָנדלעך, אָדער גאָר באָרשט מיט קאַרטאָפל; די מאַמע האַלט אין איין שרייען, אַז די קינדער זאָלן זיך נישט פאַרפלעקן די נייע מלבושים, זיי זאָלן כאָטש אָנהאַלטן די מדרגה די ערשטע טעג פּסח.

שבתי נחומס איז שוין צוריק פון דער מקוה, טועם געווען אַ מאַקאַראָנדל, אַ טעלער וויינקן באָרשט, נישט צופיל, ווייל דער דין איז, אַז מ׳מוז זיין צום שולחן ערוך הונגעריק, איז מעיין אין די דיני פּסח פון „אורח חיים״, צעזינגט זיך מיט אַ ברייט קול מיט אַ ספּעציעלן פּסחדיקן ניגון, וואָס דער טאַטע ע״ה האָט זיך נוהג געווען צו לערנען די מסכת פּסחים, און טאַקע אויך, כדי זיין נשמה זאָל האָבן אַן עליה — דעם זעלבן דף...

**שלום־העניך און קאַטשמאַרעק**

צו שלום העניכן איז נישט אָנגעקומען אַפילו אַ קליין חלקל פון דער שפע פון די לאָדזשער שעוויאָטן און קאַמגאַרנס. ר׳האָט טאַקע זיך געדרייט אַרום חסידים־גבירים, וואָס האָבן אים געקענט אַריינגעמען אין ריכטיקן עולם המסחר, אָבער שלום־העניכס קאָפּ איז נישט געווען דערביי; וואָס איז דער חילוק דאָס עשירות אויף דער וועלט, דער עיקר — עשירות דאַרף מען אָנזאַמלען פאַר עולם הבא. אַז מען האָט אים אָפּגעענטפערט, אַז: השמים שמים לה׳, די הימלען זענען פאַר גאָט, והארץ נתן לבני אדם, און די ערד איז געגעבן געוואָרן פאַר מענטשן, מען זאָל האָבן אַ הנאה פון דער וועלט, כל זמן מ׳איז דאָ, פלעגט ער אָפּפרעגן, אַז דער חידושי הרי״ם פלעגט דאָס אויסטייטשן: — די ערד איז געגעבן געוואָרן צו די מענטשן, כדי זי אויפצוהייבן צו די הויכקייטן פון די הימלען, אָט, בכן, צו וואָס דאַרף מען זוכן עשירות, צו וועלכע מ׳ווערט פאַרשקלאַפט. און ער, שלום־העניך, וויל נישט זיין קיין עבד כנעני צו געלט־שמעלט, ס׳וועט אים נישט לאָזן לערנען, ס׳וועט אים מבטל זיין צו דינען גאָט לשמה, ער וועט ווערן אַ בעל־גאווה, וואָרום, אַז מ׳ווערט איבערגעגעבן צו דער תאוה פון געלט, הייסט דאָך, אַז מ׳ווערט אָנגעבונדן צו אַ זאַך, צו הייזער, פאַבריקן, געלט, און דאָס איז שוין בבחינת עבודה־זרה. און דער עיקר: ס׳זאָל זיין פרנסה פאַר דער נשמה לעתיד לבוא, דער גוף איז דאָך אַ טפל: וואָרום אַפילו דינען גאָט קען אַן עושר אויך נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. אַן עושר, אַז ער פרייט זיך, אַז ער טאַנצט



הודפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 240 הודפס ע״י אוצר החכמה

אפילו אַ ריקודל, איז עס נישט לשמה, ער פרייט זיך, אַז ער און זיין בני הבית האָבן אַ סך אכילה ושתיה, אַ סך ווילטאָג, אָבער נישט מחמת אהבה צום בורא דעלמין. אָבער אַ ייד אַן געלט קען דינען צום שעפער פון אַלע וועלטן, אַן פּניות, מיטן רצון טוב, מיט דער גאַנצער ליבשאַפט, מיט דער גאַנצער שמחה. איז שוין בעסער, אַז שלום־הענעך זאָל האָבן די פאַרשוואַרצטע פּרנסה, פאַרזאָרגן יידן מיט קוילן אויפן גאַנצן יאָר.

מילא זומער איז טאַקע די פּרנסה זייער געשלאָגן; זומער קאָכט מען ס׳ביסל געקעכץ אויף שפּענדלעך; אויך מיר אַ קאָכן דאָרט; שטשאָובאָרשט, נייע קאַרטאָפל, קאַרשן־באָרשט, ס׳גייט אַ סדרה מילכיקס, דריי וואָכן... ווער דאַרף קוילן? דערפאַר, אַז אלולדיקע ווינטלעך הייבן אָן בלאָזן, שויבן אין שטיבן ווערן פאַרלאָפן, הייבן מיעכאָווער באַלעבאָסטעס אָן אין זינען האָבן שלום הענעכן מיט קאַטשמאַרעקן. ימים נוראים־צייט, ווען אין די סעדער נעמט מען שוין אַראָפּ די ווינטער־עפּל, ווען די פלוימען־טרוקענערס האָבן שוין פאַרטיק זייערע סחורות, ווען פון די חדרים הערן זיך אַרויס די פאַריאָושטע האַזינו־״שמים״ און קוהלת־ניגונדלעך, פאַרצירעוועון און פאַרלאַטען קאַטשמאַרעק און שלום־הענעך די קוילן־זעק, וואָרום די באַלעבאָסטעס הייבן שוין אָן דאַרפן צי פינטלעך קוילן. דאָס קוילן־עגלהלע שלעפּט אַ מאָגער שקאַפּקעלע; דאָס פערדל איז נישט פעטער ווי זיינע באַלעבאַטים, וואָס האָבןביידע די זעלבע איינגעריסטע פּנימער, געבויגענע פּלייצעס. שלום־הענעך איז דאָס דער באַלעבאָס, אָבער מיט קאַטשמאַרעקן, דעם פּיאַנטקער גוי, טיילט ער זיך מיטן פאַרדינסט גלייך אויף גלייך. דערפאַר איז קאַטשמאַרעק אים איבערגעגעבן בלב ונפש, וואָלט געגאַנגען פאַר שלום־הענעכן און פאַר זיין חוה־איטען אין פייער אַריין. אַז ס׳הייבט זיך אָן דער סעזאָן, ווען די גאַנצע שטאָט פאַרזאָרגט זיך מיט קוילן אויפן ווינטער, טיילן זיי זיך מיט דער אַרבעט. קאַטשמאַרעק האָט איינזעעניש מיט שלום־הענעכן, פאַרט אַ שטיק ראָבין. שלום הענעך שיט אָן די קוילן מיטן שויפל, וועגט אָפּ די זעק, הייבט זיי אונטער און קאַטשמאַרעק שטעלט אונטער די פּלייצעס, כדי זיי אַריינצוטראָגן אין די קעלערס אָדער אין די קאַמערס, ווו די באַלעבאָסטעס וועלן נאָר הייסן. און אַז ס׳קומט פרייטיק, אַז ס׳שמעקט שוין מיט די געפילטע פיש און יידן גייען שוין מיט נאַסע בערד און פּאות פון דער מקוה, דעמאָלט שרייט קאַטשמאַרעק אויף זיין באַלעבאָס, ער איז ממש אויפן גוזר: — אידזש, שלאָמקא, דאָ מיקווי! גיי דיר אין מקוה אַריין!

**ליכטיק ווי אין לאָדזש...**

אין יענע יאָרן 1908—1910 איז אין מיעכאָוו געווען שטיל, די וועבשטולן האָבן געזונגען זייער אייביק מאָנאָטאָן־ליד, סוחרים האָבן די אויפגעוויקלטע פּעק שטאָף



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 241 הודפס ע״י אוצר החכמה

געריסן פון די הענט, מעקלערלעך האָבן געמעקלט, יידן־באַלעבאַטים האָבן מויערן אויפגעשטעלט, טעכטער, זין חתונה־געמאַכט, ברייטע נדנים געגעבן, זומער־צייט אין די בעדער, אויף זומער־וווינונגען אין די טונקעלע ווישנעגורער וועלדער געפאָרן. מיעכאָוו האָט געהאַט פרנסה בריווח. ס'איז געוואָרן ליכטיק אין די מיעכאָווער גאַסן און געסלעך, ווארום אין איין העלן טאָג זענען אַראָפּגעקומען דייטשלעך מיט גרינע מלבושימלעך, געגראָבן טיפע גריבער, אַריינגעשטעלט הויכע סלופעס, באַפּוצט זיי מיט אַזוינע פאַרצעלאַנע צאַצקעס, דורכגעצויגן גלאַנציקע, גילדענע געפלאָכטענע דראָטן, — און פרומע יידן האָבן מיט התפעלות געזאָגט: בורא מאורי האש, און געפרייט זיך, אַז אין מיעכאָוו וועלן נישט זיין מער די נעבעכדיקע פאַרחושכטע נאַפט־לאָמטערלעך, נאָר ווי די זון ליכטיקע עלעקטרישע לאָמפּן. אין מיעכאָוו איז געווען פונקט אַזוי ליכטיק ווי אין לאָדזש. אויך אין מיעכאָוו האָט מען געקענט זען „זשיווע אָבראַזי", די לעבעדיקע בילדער, וואָס ווייזן, ווי אַזוי יידן בויען אין ארץ־ישראל קאָלאָניעס; די מענטשעלעך אויף די „זשיווע אָבראַזי", פאַר וועלכע מ'האָט באַצאָלט צען קאָפּיקעס אַריינטריט, האָבן זיך אַזוי געאיילט, אויסגעזען ווי צאַפּל־מענטשעלעך, אָבער דערפאַר זענען די ביימער, די פאַלמעס, דער כותל המערבי, דער מוטער רחלס קבר, די בערג און בערגלעך פון ארץ־ישראל געווען אַזוי זוניק־ליכטיק גרין און האָבן געוועקט ביי די ייִנגלעך, ביי די ישיבה־בחורימלעך באַגערן צו רייזן, צו זען די וועלט.

## די ערשטע וועלט־מלחמה

יאָר 1914! ערגעץ ווייט געפינט זיך אַ שטאָט, הייסט זי סאַראַיעווע, אין באָסניע־הערצעגאָווינא. משהל קען דאָס לאַנד פון די פּאָסט־מאַרקעס וואָס ער זאַמלט, שיינע גרויסע פּאָסט־מאַרקעס מיט בערג און טאָלן, אַ שיין לאַנד. האָט מען דאָרטן עפּעס אַ קרוינפּרינץ דערהרגעט. און דערפאַר — האָבן אין אַ געוויסן חמימהדיקן טאָג פון די „ניין טעג" זיך באַוויזן אויף די ראָגן קליינע, ווייסע צעטעלעך אויף רוסיש: „גערמאַניאַ האָט אונדז דערקלערט מלחמה..." קליינע, אומבאַדייטנדיקע בלעטעלעך און וואָסער מהומה האָבן זיי אַרויסגערופן אין מיעכאָוו! מאָביליזאַציע! טאַטעס האָבן אַרומגענומען זייערע קינדער, נישט געקענט זאַט קושן די באַטרערטע באַקן פון זייערע ווייבער, כלות האָבן זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון זייערע חתנים, זין האָבן זיך געריסן פון טאַטע־מאַמע! מאָביליזאַציע!

עס האָט געשמעקט מיט מענטש־ריחות, מיט האַרבע ריחות פון דזשעגעכץ, מיט תשעה־באב־שטעכעלקעס, מיט שיטערע מילך־זופּן, מיט זויערע האַליקע עפּל, מיט פלוימען, וואָס מ'האָט נישט געלאָזט צייטיק ווערן, ווייל ייִנגלעך, שלינג־און־שלאַנג,



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 242 הודפס ע"י אוצר החכמה

האָבן גלאַט אַזוי געטרייסלט אין די נישט־אָפּגעהיטע סעדער די נאָך נישט פֿאַרטיקע פּירות. הפקר איז הפקר. אַז מיט אַמאָל איז אויס סטראַזשניקעס, ליידיק די „קאָזע", דער זייגער אויף דער מאַגיסטראַט־מויער גייט יאָ און גייט נישט, די גלאָקן אין קאָשטשיאָל קלינגען אַזוי נישט־גערנדיק; אַז פּיאַנטקער גוים האָבן מורא צו קומען אין שטעטל אַריין מיט זייערע שווערע וועגענער מיט מייערן, קרויטן, קילריבן, שטיקער פּוטער, חזירימלעך אין זעק, פּעטע עופות; אַז מיט אַמאָל האָבן די געוועלבער גאַרנישט צו פֿאַרקויפֿן... מאָביליזאַציע! מלחמה, אָפּגעשטעלט די וועלט.

ס'האָט געשמעקט מיט אָפּגעשניטענע פֿעלדער, מיט טרוקענע קברים־זאַמדן, מיט שטילקייט פֿאַר אַ וואָלקן־בְּרוך, מיט הייסן אָטעם פֿון אַ מסוכן־קראַנקן — איז אין מיעכאָוו אויף אַ ראָוועד בליץ־שנעל דורכגעפֿאָרן אַ שיין יונג־דייטשל אין אַ גראָז־גרינעם אוניפֿאָרם און אויפֿן רוקן אַן אָפּגעטאָקט ביקסל מיט אַן אויף דער זון גלאַנצנדיק, בלישטשענדיק באַיאָנעטל. און נאָך אים — אַ צען דייטשלעך אויף ראָווערן, אַלע שמייכלענדיקע, אַלע אַזעלכע אויסגעפּוצטע, אויסגעסטראָלצטע. ממש אַ מחיה צו קוקן אויף זיי. שטייגן אַראָפּ פֿון די ראָווערן, שטעלן זיך אָפּ בײַם מאַגיסטראַט, טוען, טוען זיי דערוויל גאַרנישט, ווײַזן אויס גוטע דייטשן. אַבעלע קאָשעמאַכער וויצלט זיך: הויכע דייטשן מיט לאַנגע בייטשן. משהל שטעלט זיך פֿאַר די דייטשן פֿון די ברידער גרים, פֿון פֿרידריך האוף, וואָס שרייבן אַזעלכע גוטמוטיקע מעשהלעך פֿאַר קינדער, די זעלבע דייטשן פֿון באַד קיסינגען, וואָס טאַטע־מאַמע פֿאָרן יעדעס יאָר צו זיי און שיקן פֿון דאָרט אַזעלכע פֿריילעך פֿאַרביקע אַנזיכטסקאַרטן מיט שפּרינגברונעמס, מיט נאַקעטע מענטשעלעך־סקולפּטורן, מיט רויזן־גערטנער; די זעלבע דייטשן פֿון די קור־ערטער, פֿון וואַנען מ'ברענגט אַזעלכע אָנדענק־מעסערלעך מיט פּערלמוטער, בייטעלעך מיט קונציקע שלעסעלעך, פּעדערס צו זען דורך אַ פֿאַרגרעסערונג־שטיינדל אַ שיינע לאַנדשאַפֿט... גרינע דייטשלעך שמייכלען נאַרישעוואַטע: יאָ, יאָ, יאָוואָל, מיין הער, יאָוואָל, מיין בורש... דער הויכער עליע זאָגט: — יעקע נאַר, יעקע גולם... שטייען בײַם ראָטהויז און שמייכלען: — קענסטו דויטש, מיין בורש? גרינע לייטישע דייטשלעך, אַ פֿאַרגעניגן אויף זיי צו קוקן. געקומען פֿון זייער לאַנד גלאַט אַזוי, זאָלן מיעכאָווער קינדער זיך קוויקן מיט די גלאַנציקע ביקסלעך, מיט די גראָז־גרינע קאָסטיומען, מיט די שפּיציקע קאַסקעס...

ווער קען זיך נאָך אַזוי אויסטענהען מיט די דייטשן ווי שבתי מאַנדלבוים, וואָס האָט די פֿאַרטרעטונג פֿון קרייטקע און קאָמפּאַני פֿון קאַטבוס? דאָס זענען מסתמא די זעלבע פֿיינע דייטשן, די באַזיצער פֿון דער פֿירמע, מיט זייערע קיילעכדיקע האַרטע קאַפּעלושן, וואָס תמיד: — „גריס גאָט, הער מאַנדעלבוים"; וואָס תמיד זענען זיי אים



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 243 הודפס ע"י אוצר החכמה

מכבד מיט מאַלץ־ביר, מיט קעז; וווּרשטלעך, ווייסן זיי, עסט ער נישט צוליב דער „רעליגיאָן". משהל ווייסט, אַז די שטעט דאָרטן ביי די דייטשן זענען ריינע, זויבערע, אַז מיטן יום־טובדיקן בגד קען מען זיך אַנידערלייגן אין קאַטבוס אין מיטן גאַס און זיך נישט איינריכטן... און איצט זענען זיי דאָ, געקומען ברענגען קולטור אַנשטאָט דער רוסישער „באַרבאַריי", לאָכן די גרינע, גוטע דייטשן, צאָלן פאַר אַלץ: — „יאַוואָל, מיין הער, וואָס קאָסט?" — משהל איז זיך משער, אַז יעדער דייטש קען מינדסטנס גאַנצע שטיקער פון געטעס ווערק, פון שילערס פאָעמעס, אַלע זענען באַהאַוונט אין קאַנטס פילאָזאָפיע... גוטע דייטשלעך, געקומען אַהער צו באַקענען זיך מיט דער געאָגראַפיע פון פוילן...

*

די קאָזאַקן, וואָס האָבן פּלוצלינג אַנגעיאָגט פון וואַלד, האָבן די גוטע דייטשלעך ערגעץ־ווו אַוועקגעפירט... אַ רחמנות, אַזעלכע שמייכלענדיקע גוטע...

*

אַזוי האָט דעם דאָזיקן סוף זומער 1914 דער חודש אָב זיך געלאָזט אָפּזעגן איין שטיק זומערדיקן טאָג נאָכן אַנדערן, ביז אלול מיט זיין פחד האָט זיך ווי אַריינגעגנבעט; אלול מיט זיינע שופר־קולות, אלול מיט זיינע קאַלטע טויאיקע פאַרטאָגן, אלול מיט זיינע נאַקעטע פעלדער, אלול מיט זיין תשובה־געוויין. און אַז נאַכט האָט צוגעדעקט מיעכאָוו, האָט אַרום און אַרום געדונערט, האַרמאַטן־געדונער, און אַכט טעג און אַכט נעכט האָט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש געלאָזט מאַרשירן דורך מיעכאָוו אַ מיליאָן סיביריאַקעס, טורקמענער, גרוזינער, קאַלמיקן און קאַצאַפּן פון ניזשני־נאָוואָגראָד, טאַמבאָוו, אַרכאַנגעלסק, זעכצן אין אַ ריי, מיט זייערע אָבאָזן און האַרמאַטן, האַרמאַטן...

פון מיליאָן סאָלדאַטן האָבן גאָר ווינציק צוריקגעקערט. צוריקצוועגס פון מזרח־פּרייסן זענען זיי געקומען הונגעריקע, מידע, אין אָביציעס, אַנשטאָט שטיוול, און אין מיעכאָוו מיט די פאַרפאָלגנדיקע דייטשן פאַרפירט אַ שלאַכט, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ באַיאָנעטן־קאַמף. די דייטשן האָבן געזיגט, איינגענומען וואַרשע, פאַרפאָלגט די רוסן ביז די ביאַלעוועזשער וועלדער — און אויך מיעכאָוו איז געוואָרן אַ באַזעצט געביט.

און דאָס זענען שוין נישט געווען יענע גוטע גרינע דייטשלעך פון קאַטבוס, וואָס קענען אויסנווייניק שטיקער געטע, דאָס זענען געווען אַן אַנדער סאָרט דייטשן, גערמאַנען־קריגסלייט, מיט טיפע, האַרטע שטאָלקאַסקעס, ערנסטע, בייזע זאַקסן, בייערן, אומהעפלעכע, גראָבהויטיקע בערלינער מיט זייער קרויצדאָנערוועטער! „ווייר זינד יאַ אים קריגע, קרייצסאַפּערלאָט!"



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 244 הודפס ע"י אוצר החכמה

אַזאַ בייז גערעטש האָט משהל געמוזט הערן, ווען ער האָט מיט זיין ביסל בוך־דייטש געפּרוּווט געבן צו פאַרשטיין אַ בערדיקן בייער, אַז די ביכער, מיט וועלכע ער הייצט דעם אויוון, זענען זיינע ליבע מעשה־ביכלעך, אַז ס׳טוט אים באַנג, אַז סווען העדינס רייזע־באַשרייבונגען זאָלן וואָרעם מאַכן די רעקווּזירטע שטוב. האָט אים קאַרל פּלענצקע, אַ פעלדפעבל פון אַסטפּרייסן, וואָס האָט געהאַלטן אין צעברעכן אויפן קני די רעשטלעך פון שבתי מאַנדלבוימס ספרים־שאַפע, אַ זידל־אָפּ געטון: — מאַך לאַז, דו דרעקיקער יודען־פּאַליאַק!

מיט איין מאָל האָבן משהלען די גאָטישע אותיות פון די דייטשע ביכער אויסגעוויזן ווי מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן מיט פּיקלהויבעס, מיט שפּיזן, מיט שטעכיקע, זעלנערישע, נישט־געגאָלטע מאָרדעס...

פון די גרינע גוטע דייטשלעך זענען געוואָרן בייזע, אַנגעכמורעטע, גאַוהדיקע יונקערס, מיט שפּיצרוטעס, וואָס האָבן געשיכורט און געפרעסן אין די קאַנטינעס, וואָס האָבן רעקווירירט, געשטעלט וועכטער אויף אַלע וועגן, אַכטונג געגעבן אויפן שמוגל („זאָלן די פאַרפלוכטע פּאָליאַקן פרעסן וואָס ווייניקער, דאָס היימלאַנד בייטיקט זיך אין די נאַרונגמיטל״), געטריבן אויף צוואַנגס־אַרבעט, און אַזוי אַרום איז משהלס שיינע, ליכטיקע וועלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וועלט פון שמוגל, גנבענען זיך דורכן וואַכן, אין אַ וועלט פון אייביקער וואָך...

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צייט פאַר מיעכאָוו. אַ נייער אויסגעניכטערטער דור איז אויפגעוואַקסן אין משך פון דער אָקופּאַציע־צייט, 1915—1918.

## פוילן ווערט באַפרייט

נאָוועמבער 1918. סוף מלחמה אין שטעטל מיעכאָוו.

אין דרויסן אַ שפּעט־האַרבסטיקער מיט שניי געמישטער רעגן. אין דער „פרייער ביבליאָטעק״ ראַיעט עס ווי אין אַ בינשטאָק. מענטשן גייען אַריין און אַרויס, טראָגן אַן אַ בלאָטע אין דעם לאַנגן נישט איבעריק ברייטן לאָקאַל, וואָס מחמת אַנגערויכערטקייט זעט מען ביים איבערטרעטן די שוועל גאָרנישט. פונקט ווי מ׳וואָלט פּלוצים אַריין אין אַן ענגער לאַנדאָנער פאַרנעפּלטער גאַס. אָבער ווי נאָר די ראיה געוווינט זיך צו, זעט מען: פון ביידע זייטן, מיט אַ דורכגאַנג אין מיטן, מאַסיווע שניידער־טישן, מיט לאַנגע בענק. אויף דער מזרח־וואַנט די ביכער־שאַפע, אַ נידעריק שרייב־טישל מיטן באַפּענסנעטן ביבליאָטעקאַר, צו וועמען עס שטרעקן זיך די הענט פון לייענערס מיט פּאַפּירלעך פון נומערן אָפּגעשריבענע פון די קאַטאַלאָגן און וועגט באַהאַנגענע, ווו ס׳איז נאָר דאָ אַ שטיקל פריי פלאַץ — בילדער פון גדולים, שרייבער, פּאַרטיי־פירערס, וואָס דאַרפן



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 245 הודפס ע״י אוצר החכמה

צופרידנשטעלן אַלע ריכטונגען פון דער אומפּאַרטייאישער ביבליאָטעק: קאַרל מאַרקס אין שכנות מיט אוסישקינען; קאַוטסקי מיט אחד העמען, באָראָכאָוו מיט גראָסערן; הירש לעקערט קעגנאיבער ד"ר הערצלען; לאָזונגען: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך"! „מיטן באַזעלער פּראָגראַם"! „רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק" — מיט אַ בילד פון אַ פרומער יידענע, וואָס בענטשט ליכט...

מ'דיסקוטירט, מ'אַמפּערט זיך, מ'וואַרפט זיך איבער מיט אויסלענדישע שווערע ווערטער, קאָמפּליצירטע פראַזן, טעאָריעס. „דיאַלעקטישע וועלט־אויפפאַסונג", „אויף צו מאַרגנס נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע", „סטיכישער פּראָצעס", „אָטאָ באַוער", „צוריקגעשטאַנענער רעפאָרמיסט", „עקאָנאָמישע סיבות, וואָס זענען גורם רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען", „ארץ־ישראל", „טעריטאָריע", „אינטערנאַציאָנאַלע באַדינגונגען"...

דאָס צעלייגט מען אַזוי אויף טעלערלעך, מ'אַנאַליזירט דעם נעכטיקן רעפעראַט פון בונדיסטישן רעדנער, וועמען ס'האָט אָפּגעענטפערט דער אָפּאָנענט פון די רעכטע פועלי ציון. — האָבן די העזה צו באַהויפּטן, אַז מ'קען זיך באַגיין אָן אַ נאַציאָנאַלער היים, מאָדערנע מה־יפותניקעס! — און דו גיי דיר וווינען אין אַ ווילד לאַנד, קעמפן מיט די ווילדע אַראַבער! — דו בלייב דיר אייביק אַן איינגעבעטענער אין אַ פרעמד לאַנד!

— וואָס פרעמד, ווען פרעמד? מ'דאַרף קעמפן פאַר רעכט אויף די ערטער!

מ'שרייט ביז צום הייזעריק ווערן, אַלע רעדן צוזאַמען, קיינער האָט נישט בדעה אָפּצוטרעטן כחוט השערה, וואָרום יענעמס מיינונגען הערט מען מיט אַ האַלב אויער און מ'איז לכתחילה מבטל די ראיות, ציטאַטן, פסוקים, וואָס דער קעגנער ברענגט.

— סאָציאַליזם זאָגט נאָך נישט, אַז ס'זאָל נישט זיין קיין אייגענע נאַציע, מיט אַן אייגענעם פּרצוף־פּנים...

— מיט באָרד און פאות, מיט מציצה און חליצה, מיט אַ לייבסערדעקל...

— און איר זענט אינטערנאַציאָנאַלע יאָלדן, איר זוכט ראָזעווע פייגעלעך אין דער לופטן...

— און איר זענט פאַנטאַזיאָרן וועגן עפּעס אַ פּאַלעסטינע מיט זומפּן און קדחתן...

— און איר זענט בלינדע טיפּשים, וואָס באַנעמען נישט דעם סטיכישן פּראָצעס...

— מיר זענען זיך נישט סומך אויף סטיכישע פּראָצעסן, ביי אונדז זענען פאַראַן לאָגישע סיבות...

דער אָנגעהויבענער וויכוח ווערט פאַרענדיקט אין גאַס, ווייל דער באַלעבאָס פון דער ביבליאָטעק האָט פאַרמאַכט דעם הויפּט־שליסל פון דער עלעקטרי. מ'דיסקוטירט אָן אַ סוף און אָן אויסזיכט יענעם צו איבערצייגן, גלאַט אַזוי די צייט „אָפּצוהרגענען". וואָרום די מיעכאָווער יוגנט האָט גענוג צייט. דערווייל האָט זי נישט צו וואָס זיך צו



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 246 הודפס ע"י אוצר החכמה

נעמען. מ׳האָט ווי ס׳איז נישט דורכגעשטופּט די מלחמה, דערלעבט ביז נאָוועמבער 1918. די דייטשע אָקופּאַציע. וואָס האָט אויסגעזויגן פון דער באַפעלקערונג דעם מאַרך פון די ביינער, האָט דערפאַר באַשירמט די יונגוואַרג, עס זאָל נישט ווערן פאַרברויכט ווי פליייש פאַר די קאַנאָנען. הינדענבורג איז געווען לייטזעליק צו זיינע „ליבע יודען״, כאָטש ער האָט געהייסן צונעמען דאָס ברויט, דאָס פליייש, די מילך, די קאַרטאָפל, די פּרוכטן, די פּוטער, די גריבסן („זאָלן זיי קראַפּירן, די לויזיקע פּאָליאַקן״, האָט געדונערט דער קאָמענדאַנט צו די פאַרשטייער פון דער איינוווינערשאַפט, ווען זיי האָבן זיך באַקלאָגט, אַז ס׳פאַרשטאַרקט זיך די טיפוס-עפּידעמיע, צוליבן הונגער); זיי זענען גוט צום באַזוצטן געביט, כאָטש זיי האָבן אָפּגעשלאָסן די וועגן מיט אַלערליי פאַרבאָטן, פאַראָרדענונגען, פּאַסיר-שיינען; כאָטש זיי האָבן געפּייניקט מיט אַנטלייזונג-אַנשטאַלטן, מיטן כאַפּן צו צוואַנגס-אַרבעט, פאַרשיקן אין קוילן-גרובנס, אַמוניציע-פאַבריקן פון רור און אויבערשלעזיע — האָבן זיך דאָך אַ סך בחורימלעך אַרויסגעדרייט, געוואָרן פאַר-שוינט, און ווער עס האָט נישט געשמוגלט זייד, לייוונט, פאָדעם, פליייש, צוקער, רייז, ווער ס׳האָט נישט געהאַנדלט מיט דאָלאַרן, שווייצער פראַנקן, געשמוגלט דורך אַלערליי קונצן און פאַרטלען זייף, בראַנפן, גאָלד אאַז״ו, דער איז געגאַנגען לידיק, געטראַכט פון וועלט-איבערקערעניש, נייע צייטן, לבנה-שטראַלן... אין מיעכאָוו האָט זיך אַרומגעדרייט אַ טייל יוגנט, וואָס איז אויפגעוואַקסן אָן אַ באַשטימטער פּראָפעסיע, מיט תוהו-ובוהודיקע מחשבות, אָנגעשפּיקעוועט די מוחות מיט די מאָדערנסטע אידעען, אידעאַלן, טעאָריעס, פּראָיעקטן, פּלענער. איז זיי געוואָרן ענג די סביבה. מ׳חלומט פון לענדער, פון יענער זייט גרעניץ, מ׳קוקט מיט בענקעניש אויף אַ פרעמדער פּאָסטמאַרקע, וואָס ברענגט גריסן פון אַנדערע לאַנדשאַפטן, אַנדערע קלימאַטן, אַן אַנדער, אפשר בעסער לעבן, באַשטימט אַ בעסער לעבן, נישט אַזוי מאָנאָטאָן, פאַראַן אַ ציל, אַ צוועק. אין די נייע לענדער, אין די נייע געגנטן וועט מען זיך איבעראַנדערשן, אַרבעטן, נוצן ברענגען, ווערן פּראָדוקטיוו. אַוועק, ווייט, ווייט. דאָ קען מען גאָרנישט טון, אָבער דאָרט, אויף יענער זייט גרעניץ, — זאָל מען נאָר לאָזן, איי, וועט מען אָפּאָטעמען, הענט וועלן עפּעס אויפטון, פאַר זיך, פאַר יענעם.

דערווייל איז דאָ אין מיעכאָוו דערעסן, דערווייל האַלט מען אין איין רעדן, רעדן, רעדן; דערווייל בויט מען אויף די אויסטערלישסטע טעאָריעס, דערווייל שלינגט מען ביכער, מען חלומט ביי קאָליריקע מאַפּעס, דערווייל אַמפּערט מען זיך מיטן קעגנער, וואָס איז נישט מסכים מיט די אייגענע אמתן...

ס׳זענען אמת די ידיעות, אַז אין דייטשלאַנד האָט אָפּגעדאַנקט דער קיסר, און אַז



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 247 הודפס ע״י אוצר החכמה

אוצר החכמה

עס הערשט דאָרט עפּעס אַ רעוואָלוציאָנערער „ספּאַרטאַקוס״. דאָ, אין מיעכאָוו, זענען די זשאַנדאַרן מיט די ווילהעלם־וואָנסעס מילדער געוואָרן. ביי די שטעטלשע ראַגאַטקעס רעווידירט מען שוין כמעט נישט. די גאַסן זענען פול מיט עקסטרא־טעלעגראַמעס, וואָס די לאָדזשער ציַיטונגס־פאַרקויפער האָבן מיט פיבער פאַרשפּרייט. די מלחמה האָט זיך געענדיקט. פרייד איז ביי יעדן אין האַרץ. איצט איז שוין נישטאָ קיין ענגעניש מער. די וועלט איז אָפן, פריי, פריי. אַלעמענס ווּנטשן וועלן איצט מקוים ווערן. אויס פּאַסיר־שיינען, רעקוויזיציעס, אויס ברויט־קאַרטן... עס וועט זיין אַ זוניק־בלויע וועלט. ווילסטו — פאָרסטו קיין אַמעריקע, ווילסטו — פאָרסטו קיין ארץ־ישראל, דער לאָרד באַלפור האָט צוגעזאָגט. אַ נייע וועלט, אַ גוטע וועלט.

אָבער וואָס איז דאָס? מ׳נעמט זיך נישט אַרום פאַר פרייד, יידן מיט גויים, ווי ס׳איז געווען צו דערוואַרטן, אַז אַזוי וועט דאָס זיין נאָך אַ וועלט־מלחמה, ביי וועלכער צען מיליאָן לעבנס זענען אומגעקומען.

מ׳יובלט נישט, מ׳פרייט זיך נישט. עפּעס וואַקסן אויס פאַרשידענע לייט אין ציוויל, אין מאַטשעיוווקעס, מיט ביקסן אויף די אַקסלען. דאַכט זיך באַקאַנטע. קאַטשמאַרעקס זונדל, יאַנעק, דער שייגעץ פון פּראָוויזאָר, וולאַדעק, דעם קיילערס געשטופּלטער גימנאַזיסט, בראָניעצקי, שבתי נחומס בעסטער פריינט. טאָמער האָט מען באַדאַרפט אַ טובהלע אין מאַגיסטראַט, איז נאָר צו בראָניעצקין... און איצט טרייבן די מענטשן אַראָפּ פון די גאַסן: — אָרדענונג! אָרדענונג! נישט שטיין בלייבן! אַהיימגיין!

האַ, וואָס איז דאָס? ווידער נישט פריי? ווידער פאַרבאָטן, פאַרבאָטן!

פּוילנס חלום איז געוואָרן פאַרווירקלעכט, אַ חלום פון דורות. פּוילן איז געוואָרן באַפרייט. אָבער פון ערגעץ־ווו באַווייזן זיך פאַרשווינענע מיט עקיקע היטלעך, מיט אָדלערס, וואָס זענען ענלעך אויף הענער, באַפעלן, בייזערן זיך, רייסן אַראָפּ די שליפעס פון די אָפּציענדיקע דייטשן, שלאָגן יידן. בראָניעצקי רעדט עפּעס מאָדנע רייד: — אַביסל צו פיל יידן אין פּוילן, צופיל יידן אויפן שטיקל לאַנד אונדזערן... אַלע געשעפטן, אַלע פאַבריקן, אַלע דאָקטוירים, אַלע סוחרים — יידן... פּוילן האָט צופיל צעצלאַפּעטע יידעלעך, צופיל...

משהל ווונדערט זיך, פרעגט דעם טאַטן: — דאָס הייסט אַ פאָלק ווערט פריי, מ׳האָט זיך דאָך געדאַרפט אַרומנעמען, צעקושן זיך פאַר שמחה. שבתי נחומס ענטפערט אים אָפּ: — איך האָב מורא, אַז מיר האָבן צו דער פריילעכער חתונה נישט קיין שייכות...



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 248 הודפס ע״י אוצר החכמה

שבתי נחומס איז גערעכט. ס'איז נישט געוואָרן קיין נייע וועלט. אַרום איז די לופט אָנגעזאַפּט מיט גיפטיקער שנאה. די שנאה קומט פון די באַפרייטע, פון די לייט מיט די מאַטשעיוווקעס, מיט די פאַרביקע בענדלעך, מיט די עמבלעמען פון פאַטריאָטיזם, וואָס זינגען אַלע ווייל דעם הימן, אַלע ווייל די ווונדערלעך־פרייַלעכע מעלאָדיע פון „גאָט, פאַרוואָס האָסטו אין משך פון אַזוי פיל דורות געקריוודעט פוילן?" און... „יידל, נעם אַראָפּ ס'היטל!" — קרייעט אַ בייזע שטים פון עפּעס אַן אַלטער מויד אין אַ קאָנפעדעראַטקע צו אַ יידל, וואָס איילט אַהיים צו זיינע הונגעריקע קינדער, מיט אַ זעקל קאַרטאָפל.

און שוין ליגט דאָס היטל אויפן ברוק, צעטראָטן פון די צעיושעטע פאַטריאָטן און דער צעשויבערטער קאָפּ פון דעם יידל אַריינגעפרעסט צווישן המון, וואָס איז געוואָרן אַ בעסטיע. אַן אומגליקלעך יידל צווישן רייסנדיקע און בייסנדיקע וועלף, פילט זיך ווי נאַקעט, ס'איז אים קאַלט אין קאָפּ, די לופט פון דעם סוף־נאָוועמבערדיקן טאָג איז אייזיק־קאַלט, און אונטער הוזקדיקע קולות: — זינג, זינג, פאַסקודנע יידל, באָזשע צאָש פאָלסקיען!... און שוין באַגיסט זיך דער צעשראָקענער מענטש, וואָס דריקט קראַמהאַפּט מיט די שוואַכע הענטלעך דאָס זעקל קאַרטאָפל, מיט בלוט, וואָס רינט פון נאָז און מויל... פאַרגאָסן בלוט פון אַ יידל לכבוד פוילנס באַפרייאונג.

פוילן איז באַפרייט. אין די נעכט קנאַלן ביקסן דורך די אויסגעליידיקטע גאַסן, וולאַדעקס, יאַנעקס און יענדזשעיס שפּילן זיך מיט מאַרד־אינסטרומענטן, ווי קינדער מיט שפּילצייג, גלאַט אַזוי, שיסן מחמת תענוג...

פוילן איז געוועזן באַפרייט, און אַנשטאָט מיט פרייד גיין אויפבויען דאָס צעשטערטע לאַנד, האָבן די בראַניעצקיס, וולאַדקעס, באַרליצקיס זיך געלאָזט אויפבויען שפּאָגל־נייע זעלנערישע מונדירן און געבעטן: לאָמיר זיך שפּילן אין קריג, לאָמיר שיסן...

און דאָס פרייע פוילן האָט באַלד געפונען זיין שונא. ס'איז געווען אַ לאַנד, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט אַ געפערלעכע אָפּעראַציע, אַ ריזיק לאַנד, וואָס האָט געבלוטיקט און געאייטערט. האָבן די גלחים געגעבן זייער קירכלעכע ברכה, גענעראַלן האָבן געהאַלטן פאַטריאָטישע רעדעס, רייכע לענדער האָבן געבאָרגט די שיריים פון זייער כלי־זין און דאָס נייע חייל האָט זיך געוואָרפן אויפן ריזיקן לאַנד מיט די בלוטנדיקע ווונדן און אים געוואָלט אַראָפּרייסן די באַנדאַזשן.

סאָלדאַטן־שטיוול האָבן ווידער געקלאַפּט שטומפּיק אויפן ברוק. די סאָלטיסעס האָבן פאַרשריבן רעקרוטן, די פויערים האָבן שוין ווידער געמוזט לאָזן פוסטעווען



הודפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 249 הודפס ע"י אוצר החכמה

זייערע פעלדער, וואָס זענען געוואָרן פאַראומרייניקט פון ווילדגראָז, די קאַרטאָפל זענען געוואָרן פאַרזעצט נישט אין דער צייט, ס׳ברויט אין די כאַטקעס האָט קוים געסטייעט ביזן פרילינג. באַנען זענען ווידער געווען אָנגעפילט מיט סאָלדאַטן צום פראָנט און מיט פאַרוואונדעטע פון פראָנט; ווידער האָבן ציווילע באַדאַרפט פאַסירשיינען, ווידער האָבן שפּיצוואָנסיקע זשאַנדאַרן געפאַרשט נאָך דאָקומענטן, ווידער האָט מען געכאַפּט מענטשן, ווי היצלס פאַרדעכטיקע הינט. ווידער זיי חושד געווען אין שפּיאָנאַזש, ערגעץ, ווו ווען קרייצן זיך, זיי מיט שטריק דאָס לעבן צוגענומען; ווידער האָבן זיך געטראָגן דורך די נעכט דער דונער פון די קאַנאָנען, דאָס ווילדע פייפן פון די ביקס־קוילן, דאָס קאָלערן זיך פון די מאַשין־געווערן; ווידער האָבן יונגען מענטשן זיך אויסבאַהאַלטן און מוסרים האָבן אויסגעגעבן; ווידער האָט געבליט שמוגל...

## מיעכאָוועך נעסטן ליידיקן זיך אויס...

שבתי נחומס האָט געברומט זיינס אַ ניגונדל: — אַוודאי, רב, איז יעדער צוגעוואַקסן צו זיין שטעטל, צו זיין לאַנד, אָבער, אַז מ׳האָט נישט קיין פרנסה... זיי שטעלן אונדז בדיל הדל. און ווער ווייסט וואָס אין דעם גיהנום־קעסל קאָכט זיך נאָך פאַר אונדז... אָט ביי מיר אַליין... כ׳בין געווען אַן עושר, אָבער איצט מוז איך אַלץ אָנהייבן אויפסניי. אַלץ איז איינגעפאַלן, פּונקט ווי דעמאָלט נאָך דער חתונה... איי, איי, רב, געווען מיר במחשבה, אַז אפשר זענען די לייט אין רוסלאַנד גערעכט, זיי ווילן איבערבויען די וועלט פון יסוד אויף, נישטאָ קיין אָרעמע, נישטאָ קיין רייכע... אַ שאָד, אַ שאָד, זייער „נס ביים ווייסל״...

דער רב האָט איינגעוואָנדן: — מ׳זאָגט, אַז אין רוסלאַנד איז נישטאָ קיין אמונה... ווי קען זיין אַ וועלט אָן אַ גאָט? שבתי, ווען נישט דאָס, וואָלט מיר אויך געפעלן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַ וועלט אָן קנאה־ושנאה, אָן קבצנים, אָן יחסנים...

שבתי האָט ווייטער געשפּינען זיין געדאַנק: — ס׳קאָכט זיך דאָ אַזעלכעס, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען... און אַז דאָ איז יאָ דאָ אמונה, איז שוין גוט? אַ שטריק האָבן זיי פאַרצויגן אויף אונדזערע העלדזער, אַ וואָרגנדיקע שטריק. אַז קינדער גרייטן זיך צו לאָזן למרחקים, וועל איך זיך נישט אַקעגנשטעלן. איך נישט...

אַזוי האָבן מיעכאָוועך נעסטן אָנגעהויבן צו ווערן ליידיק. אין אַלע שטיבער האָט מען גערעדט פון פאָרן, איינער קיין דרום־אַפריקע, איינער קיין פראַנקרייך, קיין בראַזיל, איינער קיין אַרגענטינע. דאָ האָט מען געפּאַקט ס׳פּעקל, דאָרט האָט מען געגרייט



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 250 הודפס ע״י אוצר החכמה

די פאַפירן, געלאָזט זיך צו גרעניצן מיט וועגענער, צופוס, מיט באַנען, אויף שיפן, בחורים, כלה־מיידלעך, יונגעלייט נאָך דער חתונה, אַ פיבער פון פאָרן, פאָרן...

אויך זלאַטעס היים איז נישט פאַרשוינט געוואָרן פון ווערן אויסגעליידיקט. אין אַ געוויסן פאַרנאַכט האָט משהל געפּאַקט אַ קליין וואַליזקעלע, אין דעם אַריינגעלייגט אַ צוויי העמדער, אַביסל אונטערוועש; דער טאַטע האָט אים געהייסן מיטנעמען די תפילין, אַ קליין סידורל, אַ תנכל, האָט אים ליבלעך אַ גלעט געטון פאַרן געזעגענען, אַזאַ וואַרימען, ווייכן גלעט, פונקט ווי ערב יום־כפור ביים בענטשן. ביים באַן האָט מען לאַנג געדאַרפט וואַרטן אויפן צוג, וואָס איז געגאַנגען צו דער גרעניץ. שבתי האָט געהאַט טרערן אין קול: — פאָרסטו, הייסט עס, אַוועק משהל? פאָרסט, טאָ זאָל זיין מיט מזל... דיין ערשטער אַרויספאָר... האָסט אַ תנכל מיט זיך, קוק אַריין אין דעם... בלייב אין דייטשלאַנד אַ צייט... כ׳האָב געשריבן צו קרייטקע און קאָמפּאַני אַ רעקאָמענדאַציע.. לערן עפּעס. כ׳וועל דיר שיקן עפּעס, לויט מיינע כוחות. דער עיקר, געדענק, היט אָפּ ריינקייט פון גוף און ריינקייט פון דער נשמה, וואָס דאָס איז נאָך וויכטיקער... די וועלט אין דער פרעמד איז בדרך כלל אַ קאַלטע, דאַרף מען באַהאַלטן די שבת־יום־טובדיקייט אין זיך, דער עיקר איז שבת און יום טוב האָבן אין האַרץ, כדי נישט צו ווערן פאַרגרעבט, נישט ווערן דערטרונקען אין לויטער גשמיותדיקע ענינים. אַ מענטש דאַרף האָבן אַן אָנהאַלט, אַ תוכן, און דיך, וואָס ביסט מיין בכור, וואָלט איך געוואָלט זען זיך טובלען אין דער וואַרעמער יידישקייט, וואָס דו האָסט געזען אין דיין היים...

די באַן האָט אַזאַ ווייַנענדיקן פייף געטון און משהל האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו דער גרעניץ.

דעם ביישפּיל האָבן מיט קורצע איבעררייסן, נאָכגעטון די אַנדערע ברידער און שפּעטער די שוועסטער מיט זייערע מענער. זלאַטע איז געבליבן אַליין, ווייל שבתי איז ווינציק געווען אין דער היים. מסחרים און זוכענישן ווי זיך צו באַזעצן האָבן אים כסדר אַוועקגעשלעפּט פון דער אויסגעליידיקטער נעסט. איז ער שוין צוריקגעקומען אַביסל קיין מיעכאָוו, איז ער אויך נישט געווען אין שטוב, ער האָט זיך געקהלט, באַטייליקט זיך אין פאַרשידענע חברות צו גרינדן שטעטלעך און קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל. ער פלעגט תמיד טענהן: — יידן אין פוילן ווי אויף אַ ווולקאַן, וואָס אָט־אָט וועט ער אָנהייבן צו שפּייען פייער...



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 251 הודפס ע״י אוצר החכמה

# מיין אַלטע גוטע היים

דב גראַנד / ירושלים

מיין שטעטעלע זגערזש, ווי איך געדענק עס, מיין היים, די קינדער־יאָרן וועלכע זענען אַזוי שוידערלעך פאַרשטערט געוואָרן און אונדז, דאָס קליינוואַרג, אַריינגעשליידערט אין דער וועלט פון אכזריות — וועלן מיך דאָס גאַנצע לעבן באַגלייטן.

מיין פאָטער משה הערש גראַנד ע"ה, זון פון ר' אברהם דעם „אַלטן סטאַניק" ווי מען האָט אים גערופן, איז געווען אַ נאַציאָנאַל באַוווסטזיניקער ייד, טרייער מאַן, אַ ליבנ־דיקער פאָטער און אַן אויפגעקלערטער מענטש וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט חלומות פון אויסבעסערן די וועלט.



משה־הערש גראַנד

מיר האָבן געהאַט אַ יאַטקע אויף פּיל־סולדסקעגאָ גאַס, און שפּעטער — אויך אַ וואורשטן־געשעפט. די וואורשטן האָבן מיר פּראָדוצירט אין דעם פאַבריקל, אויפן הויף פון מיין פעטער אַביגדור רוזשאַלסקי הי"ד, אויך אַ קצב, מיין פאָטערס שותף.

מיר האָבן געלעבט רויק און צופרידן. ספּעציעל פאַר אונדז קינדער איז עס געווען אַ זאָרגלאָזע וועלט.

אָבער שוין אין די דרייסיקער יאָרן האָט אָנגעהויבן וואַקסן די אַנטיסעמיטישע העצע, די ענדעקישע פּיקעטן און אַנטי־יידישע גזירות, ווי באַגרענעצונגען אויף דער ריטועלער שחיטה. מיין פאָטער האָט אָרגאַניזירט אַלע יידישע קצבים פון זגערזש און געשאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוו און באַשטימט געוואָרן אַלס פּרעזעס. אַ געוויסע צייט איז מיין פאָטער אויך געווען דאָזאָר אין דער יידישער קהלה.

מיין מאַמע, די טאָכטער פון אדם שפּערלינג (אויך קצבים), איז געווען זייער געטריי צו איר מאַן און קינדער, תמיד גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פאַר אונדז. זי איז געווען אַ טייערע באַלעבאָסטע, פלעגט אויך שטיין אין יאַטקע און פאַרקויפן פלייש, די מאַמע



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 252 הודפס ע"י אוצר החכמה

איז געווען אַ זייער פילבאַרע און צאַרטע, ווען זי האָט נאָר געהאַט אַ ביסל צייט, פלעגט זי לייענען יידישע ביכער.

מיר זענען געווען פינף קינדער. מיין איינציקע שוועסטער, איז געווען די עלטסטע. איך, בערל, און מיין ברודער מרדכי זענען די איינציק לעבנגעבליבענע פון דער משפּחה. אדם און שמעון זענען אַלט געווען 9 און 11 יאָר ביים אויסברוך פון דער מלחמה.

## די ערשטע גמילות־חסדים־קאַסע

### וו. פ.

די גמילות־חסדים־קאַסע איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע און טעטיקסטע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע אין זגערזש.

אָפיציעל איז זי געגרינדעט און באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער רוסישער מאַכט אין יאָר 1900, אָבער שוין מיט איניקע יאָר פריער האָט זי געפירט אַ ברייטערע טעטיקייט צווישן די אומבאַמיטלטע און פאַראָרעמטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט.

דעם פּראָטאָקאָל פון דעם רעגולאַמין („אוסטאַוו") האָבן אונטערגעשריבן 64 זגערזשער יידן, פאָרשטייער פון אַלע שיכטן, געזעלשאַפטלעכע קרייזן און רעליגיעזע גרופּירונגען, וואָס ווייזט, אַגב, אויף דער איינייקייט פונעם זגערזשער ציבור ביים שאַפן די אַזוי וויכטיקע אינסטיטוציע.

דער „אוסטאַוו" באַשטייט פון 64 פּאַראַגראַפן, אין וועלכע ס'ווערן אָנגעוויזן די אויפגאַבן, פליכטן ווי אויך די געזעצלעכע רעכט פון דער געשאַפענער אינסטיטוציע.

דער פּאַראַגראַף 1 פונעם רעגולאַמין זאָגט:

> די געזעלשאַפט האָט דעם ציל צו שאַפן די מיטלען אויף צו פאַרבעסערן די מאַטעריעלע און מאָראַלישע לאַגע פון די פאַראָרעמטע יידן פון זגערזש און אומגעגנט אָן אונטערשיד פון געשלעכט, באַרוף און שטאַנד.

עס איז דאָ כדאַי צו דערמאָנען, אַז אין יאָר 1900 האָט אָנגעהויבן קורסירן דער עלעקטרישער טראַמוויי צווישן לאָדזש און זגערזש און פיל זגערזשער בעלי־עגלות און דראָזשקאַזשעס האָבן דורך דעם פאַרלוירן זייערע פּרנסות און דערמיט נאָך מער פאַרגרעסערט די צאָל אָרעמע און אָרבעטלאָזע. דאָס שאַפן אַזאַ הילפס־פאָנד איז דעריבער



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 253 הודפס ע"י אוצר החכמה




**חלק מההתימות על פרוטוקול-היסוד של חברת „גמילות-חסדים" בשנת 1900.**

**אונטערשריפטן אויפן גרינדונגס-פראָטאָקאָל פון דער ערשטער „גמילות-חסדים-קאַסע" אין 1900**

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 254 הודפס ע"י אוצר החכמה

געווען אַ דריגגענדע נויטווענדיקייט פון יענער צייט. דער פּראָטאָקאָל (פון וועלכן מיר ברענגען דאָ אַ פאַטאָקאָפּיע פון זיין לעצטער זייט) פאַרענדיקט זיך מיט די נעמען פון חנן ראָזענשטראָוך, דוד קאָנעל, א. מ. ווייס און פ. מאַרגוליעס (?). די אונטערשריפטן קומען אין 2 גלייך געפּאַרטע שורות, אין דער לענג.

ערשטע שורה (אונטערשריפט נישט לעזבאַר): עוזר קאָן, מ. קרינסקי, ט. ליפשיץ (נישט קלאָר), י. א. רוסינאָוו, ב. (?) שאפּיראָ, ב. צוקער, א. ז. באָרנשטיין, א. י. קו־פּערמאַן, ש. ז. געלבאַרט, ב. בענטקאָווסקי, איצעק נעקריטש, ג. שער, ד. שאַפּשאָוויטש, מ. גלאָווינסקי (נישט קלאָר), ב. שטשאַראַנסקי, מ. ל. ווידאָווסקי (נישט קלאָר), מ. וו. בערמאַן, ש, לאַנדא, פּ. קאַלמערסקי, יוסף פּאָזנערסאָן, מ. ראָזענבערג, מ. לערנער, אי. (?) שטיקגאָלד (נישט קלאָר), ה. קאָן, איזידאָר סטריקאָווסקי (נישט קלאָר), שלום זאַנד־בערג, משה סקאָסאָווסקי.

צווייטע שורה פון אָנפאַנג: יששכר שוואַרץ, א. י. ליס, י. שידלאָווסקי, ש. סירקיס, ב. היינסדאָרף, ד. בערלינער, אי. פּראַשקער, מ. ש. דודקאָוויטש, י. א. געלבאַרט, י. ד. גערשאָן, וו. רייכערט, י. י. בלושטיין, י. ב. לעווקאָוויטש, איזר. באועס, שיע קאָפּמאַן (נישט קלאָר), יאַקאָוו גריצהענדלער, ז. באָרנשטיין, י. ב. בערמאַן, פּ. גורנער, ל. לענטשיצקי, ל. ראָזענבערג, ד. בענדקאָווסקי, מ. ה. האַנאָווער, אַבע באָום, א. וואַכטעל, א. בוזין, מ. נ. רובינשטיין, מ. ד. גרינפּאַרב.

—●—

# צוויי וויכטיקע יידישע אינסטיטוציעס

## יעקב צינצינאַטוס

### א. דער זגערזשער יידישער שניידער־צעך

וועגן דער טעטיקייט פון דעם זגערזשער יידישן שניידער־צעך, געדענק איך אייניקע וויכטיקע מאָמענטן:

די אַנטהילונג פון דער פאָן איז פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען מיין פאָטער איז געווען מייסטער און פּיוויש מאָשקאָוויטש — וויצע־צעכמייסטער.

פּאַקטיש איז קיין שום פאַרוואַלטונג נישט געווען. ווען אַ בעל־מלאכה האָט געוואָלט באַקומען אַ מייסטער־דיפּלאָם, האָט ער דערלאַנגט אַ ביטע צום צעכמייסטער. ערשט נאָכדעם האָט אים אָפיציעל געדאַרפט עקזאַמינירן אַ קאָמיסיע פון צעכמייסטער, וויצע־



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 255 הודפס ע"י אוצר החכמה

צעכמייסטער און צוויי מיטגלידער פון צעך, ווי אויך אַ פאָרשטייער פון דער מאַכט, וועלכן מען האָט גערופן אַסעסאָר. דער אַסעסאָר איז געווען רעווערסקי, אַ פּאָליאַק, וועלכער האָט געאַרבעט אין זגערזשער מאַגיסטראַט, אין עווידענץ־אַמט. ער האָט פאַקטיש געהאַט אַלס אויפגאַבע צו נעמען 50 זלאָטעס פאַר אַ מייסטער־דיפּלאָם, הגם געזעצלעך איז אים נאָר געקומען 5 זלאָטעס פאַרן אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל.



דב צינצינאַטוס ז״ל

אוצר החכמה

דער צעך האָט געהאַט רעכט אַרויס־צוגעבן דיפּלאָמען יעדן שניידער פון זגערזש און פון גאַנץ פּוילן, וועלכער האָט נישט גע־קענט אויפווייזן זיין פאַך־קענטעניש. די דיפּלאָמען, ווי מען האָט זיי גערופן „מייס־טער־בריוו״, האָבן פאַר דעם יידישן בעל־מלאכה געהאַט אַ גאָר וויכטיקע באַדייטונג. איבערהויפּט פאַרן קריג, ווען די פּוילישע מאַכט האָט אָנגעהויבן שיקאַנירן די יידן.

אין דער צייט פון דער קאַדענץ פון מיין פאָטער אַלס צעכמייסטער זענען אַרויסגע־געבן געוואָרן זייער פיל מייסטער־בריוו. איך דערמאָן זיך, אַז מיין ברודער אהרן ז״ל, וועלכער האָט דעמאָלט געוווינט אין ווילנע, האָט געשריבן צו מיין פאָטער: „טאַטע, דו ווייסט גאָרנישט וואָס פאַראַ וויכטיקע אַרבעט דו טוסט ביים באַמיען זיך, אַז וואָס מער יידישע בעל־מלאכהס זאָלן באַקומען מייסטער־בריוו״. איך געדענק גוט די אַלע פּראָבלעמען פונעם שניידער־צעך, ווייל איך בין געווען מיין פאָטערס סעקרעטאָר און דערליידיקט אַלע טעכנישע ענינים, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דעם צעך.

איך וויל דאָ צוגעבן, אַז אַלע אַרויסגעגעבענע דיפּלאָמען זענען געווען הונדערט פּראָצענט געזעצלעך און די מאַכט האָט זיי נישט געקענט מבטל מאַכן. אין די דרייסיקער יאָרן, איך געדענק נישט גענוי די דאַטע, האָט די פּוילישע מאַכט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אַלע צעכן זאָלן איבערגיין צו די האַנטווערקער־קאַמערן („איזבא זשעמיעשלניטשאַ״) — און דאָס איז געווען אַ פּרעטעקסט צו ליקווידירן דעם זגערזשער־צעך.

די „איזבא זשעמיעשלניטשאַ״ האָט פאַקטיש געהאַט רעכט צו דערלויבן די טעטיקייט פון צעך, ווייל אַלע אַנדערע צעכן זענען געבליבן, מ׳האָט ניט געשטערט זייער טעטיקייט.



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 256 הודפס ע״י אוצר החכמה



אוצר החכמה

דגל של אגוד החייטים היהודיים בזגירז׳.
פאַן פונעם יידישן שניידער־צעך אין זגערזש.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אַרויסגערופן פון דער וואָיעוואָדזטווע אין לאָדזש, מיין פאָטער און מאָשקאָוויטשן. מען האָט זיי דערקלערט, נישט אָנגעבנדיק קיין סיבה, אַז דער וואָיעוואָדישער אַמט און די „איזבא זשעמיעשלניטשא״ האָבן באַשלאָסן צו ליקווידירן דעם שניידער־צעך און מען זאָל זיי איבערגעבן די פּראָטאָקאָלן־ביכער און אויפהערן די טעטיקייט. צופעליק איז דער רעפערענט געווען אַ פּאָליאַק פון זגערזש, גאָנשאַראָווסקי. ער איז געווען דער וואָיעוואָדישער רעפערענט פאַר די ענינים פון האַנטווערקעריי. ווען מיין פאָטער האָט אים געוואָלט איבערצייגן, אַז דער צעך האָט אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַרן בעל־מלאכה און אַז די אַנדערע צעכן עקזיסטירן ווייטער, האָט ער אים געענטפערט מיט די ווערטער:

„הער צינצינאַטוס, איך פאַרשטיי אייך אויסגעצייכנט, אָבער אַזאַ איז דער באַשלוס פונעם וואָיעוואָדע, פון דער האַנטווערקער־קאַמער — און איך קען דאָס נישט ענדערן״.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל — „יידישער שניידער־צעך אין זגערזש״, מיט איר בלאָ־ווייסער פאַן.



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 257 הודפס ע״י אוצר החכמה

### ב. הכנסת אורחים

די „הכנסת אורחים" האָט זיך געפונען אויף דער נאַרוטאָוויטשאַ־גאַס. אין אַ לאָקאַל בערך 12 מעטער די לענג און 4 מעטער די ברייט. אין אַ קליינעם טייל פון דאָזיקן לאָקאַל האָט געוווינט דער פאַרוואַלטער מיט זיין פאַמיליע. פון פאַך איז ער געווען אַ שוסטער. ווי ער האָט געהייסן, געדענק איך נישט.

יעדער פרעמדער ייד האָט דאָרט געקאָנט איבערנעכטיקן. אָפיציעל האָט ער נאָר געהאַט רעכט אויף צוויי נעכט. אומאָפיציעל פלעגן זיך דאָרט אויפהאַלטן יידן גאַנצע וואָכן.

דער פאַרוואַלטער האָט געהאַט די אויפגאַבע אָפּצוהיטן די ריינקייט און אָרדענונג. ווינטער פלעגט ער יעדע נאַכט אָפּקאָכן עפּעס וואַרעמעס פאַר די אורחים.

די אורחים פלעגן זיך, מערסטנס, רעקרוטירן פון אָרעמעלייט, וואָס פלעגן וואַנדערן פון־שטאָט צו שטאָט.

ווי איך דערמאָן זיך, פלעגט מיט דעם הכנסות אורחים אויך זיך פאַרנעמען אַנשל וואַלדמאַן און אַנדערע יידן.

אויף דער אויסשטאַטונג, ווי אויך אויף אויסהאַלטן די דאָזיקע אינסטיטוציע, פלעגט מען צוזאַמענעמען געלט ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין זגערזש.

---

## יידישער יתומים־הויז אין זגערזש

### חנה שצאַראַנסקי

דאָס יידישע יתומים־הויז אין אונדזער שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1915 — און פאַר די 24 יאָר עקזיסטענץ געווען באַקאַנט אויך אונטערן נאָמען „אָכראַנקע", „דאָם שיראָט", קינדער־היים. די איניציאַטאָרן אויפצושטעלן די דאָזיקע אינסטיטוציע זענען געווען: א. מאָרגנשטערן, חמה סירקיס און ש. רינג.

דאָס הויז האָט זיך געפונען אויף פּילסודסקיעגאָ גאַס 30 און איז באַשטאַנען פון 1 גרויסן צימער, 2 קלענערע צימערן און 1 קליינער צימער פאַר די דערציערינס. געווען אויך אַ גרויסע קיך ווו מ'האָט געקאָכט פאַר די קינדער מיטאָגן יעדן טאָג. לייטער פונעם אַנשטאַלט איז געווען מאָרגנשטערן. די אויסגאָבן זענען געדעקט געוואָרן פון דער קהילה, שטאַטראַט און דזשאָינט. פּריוואַטע שפּענדונגען זענען כמעט נישט געווען.



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 258 הודפס ע"י אוצר החכמה



אוה"ת 1234567

בית היתומים היהודי בשנת 1921. במרכז: המורה א. מורגנשטרן וחנה שצרנסקי.

ידישער יתומים־הויז אין 1921. אין צענטער: לערער א. מאָרגענשטערן און חנה שטשאַראַנסקי.

אינעם יתומים־הויז זענען אויפגענומען געוואָרן קינדער פון 3 ביז 8 יאָר, גאַנצע און האַלבע יתומים פון אָרעמע היימען. אין אַנשטאַלט האָבן די קינדער באַקומען עסן, דערציונג און בילדונג (נאָר רעכענען). די ייִנגערע קינדער האָבן געהאַט צו זייער דיספּאָזיציע אייניקע שפּילצייג. 4 מאָל אין יאָר זענען פאָרגעקומען פאָרשטעלונגען, צוגעגרייט און אויסגעפירט פון די קינדער.

אוצר החכמה

די יתומים זענען נישט געשלאָפן אין דער „אַכראַנקע". נאָר געקומען אַהין בלויז פאַרברענגען דעם טאָג. 8 פרי האָבן זיי באַקומען ברויט מיט מאַרמעלאַד און מילך, צו מיטאָג — אַ זופּ מיט ברויט, דערנאָך זיך אָפּרוען, שלאָפן.

אין יאָר 1922 איז דער אַנשטאַלט איבערגעפירט געוואָרן אין אַן ענגערן לאָקאַל. די גרעסטע צאָל קינדער וועלכע דער אַנשטאַלט האָט געקענט אויפנעמען, איז געווען — 7.

דער פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון אַ פּעדאַגאָגין, פון לאָדזש, די דערציערין חנה שטשאַראַנסקי און איין קעכין. די מעדיצינישע אויפזיכט איבער די קינדער האָט געהאַט דער שטאָטישער דאָקטער, אַ קריסט.



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
זגירז ספר קהילה עמוד מס: 259 הודפס ע"י אוצר החכמה